# לידער

## חיקע ברוריה וויגאַנד

### — טרערנליד —

ווי אַ ליד
לייג איך אַרײַן
מײַנע טרערן
אין דײַן האַנט,
און עס חלומט זיך מיר,
אַז זיי וואַקסן
אין זייער גאַנצער שיינקייט
פֿון אומעט און גליק.

אַפֿילו ווען מײַנע טרערן
געפֿינען ניט דײַן האַנט,
היט מיר אויף
מײַן ליבשאַפֿט.

אַפֿילו ווען מײַנע טרערן
וואַקסן ניט אויף דײַן האַנט,
צעבליִען זיך ניט,
היט מיר אויף
מײַן חלום.

ווי אַ ליד
לייג איך אַרײַן
מײַנע טרערן
אין דײַן האַנט.
אפֿשר
וועלן זיי וואַקסן
און זיך צעבליִען
אין זייער גאַנצער שיינקייט
און פֿאַרוואַנדלען
אַל דעם אומעט
אין ליכט...

## — שבת —

ס׳איז די שטילקייט אפֿשר
נאָכן שטורעם,
די מידקייט
נאָך אַ וואָך פֿון יאָגעניש,
פּלאָגעניש, פּלאָנטערניש,
די געבענטשטע רו
נאָך אַ וויכער
פֿון צעשויבערטע כוואַליעס,
אַ הויך פֿון חדווה
נאָכן תּוהו ובֿוהו.

ס׳איז די שטילקייט אפֿשר
פֿאַר אַ נײַעם שטורעם,
די מידקייט
פֿאַר אַ נײַער וואָך פֿון יאָגעניש,
פּלאָגעניש, פּלאָנטערניש,
די געבענטשטע רו
פֿאַר אַ נײַעם וויכער
פֿון צעשויבערטע כוואַליעס,
אַ הויך פֿון חדווה
פֿאַרן תּוהו ובֿוהו.

ס׳איז די שטילקייט,
די מידקייט,
די געבענטשטע רו,
אפֿשר
אַ הויך פֿון חדווה.

שבת.

## — אַ חלום —

נעכטן האָב איך באַגעגנט אַ חלום,
וואָס האָט אַזוי זינגענדיק
שפּאַצירט אויפֿן בולוואַר.
כ׳האָב אים אַ שמייכל געגעבן:
אַ ברוך הבא דיר.
קומסט שפּעט.

ער האָט זיך צעלאַכט און צעזונגען
און צו מיר געטאָן אַ זאָג:
האָב קיין מורא ניט,
כ׳בין בלויז אַ חלום.
קום און לעב אין מיר,
און דו וועסט פֿליִען הויך.

און ער איז אַנטפֿלויגן.

איך האָב אַזוי זינגענדיק
שפּאַצירט אויפֿן בולוואַר
און געזאָגט צו מײַן האַרץ:
אַ ברירה האָבן מיר ?

# — עס וואָרקען טויבן פֿאַר מײַן פֿענצטער —

עס וואָרקען טויבן
פֿאַר מײַן פֿענצטער
אין אַ פֿינצטערן פֿרימאָרגן
נאָך אַ לבֿנהדיקער נאַכט.

נאָר די ווײַסע טויב
פֿון מײַן פּאָעזיע,
וואָס וואָרקעט אויס איר ליד
אין מײַן חלום,
באַהאַלט זיך טיף
אין מײַן זכּרון
און מײַן מוזע
בלײַבט פֿאַרטראַכט.

עס וואָרקען טויבן
פֿאַר מײַן פֿענצטער
אין אַ פֿינצטערן פֿרימאָרגן
נאָך אַ לבֿנהדיקער נאַכט.

עס פֿאַלן פֿעדערן,
גרויע, שוואַרצע, גרינע,
אויף ליידיק ווײַס פּאַפּיר.
עס שפּילן שטערנהענט זיך פֿיר
אויף ליידיק ווײַס פּאַפּיר.
צוויי פֿונעם לבֿנה-קינד
און צוויי פֿון זײַנס אַ מלאך,
וואָס העלפֿט אים
אויסשפּילן זײַן חלום
און זײַן ליד.

עס וואָרקען טויבן
פֿאַר מײַן פֿענצטער
אין אַ פֿינצטערן פֿרימאָרגן
נאָך אַ לבֿנהדיקער נאַכט.

## — שטערנגליק —

שטערנקינד,
פֿאַרפֿלייצט
פֿון לבֿנה-ליכט,
אינעם טרערן-טאַנץ
פֿון דער נאַכט.

אַ פֿאַלנדיקער שטערן
פֿון גליק
פֿאַלט אַראָפּ
פֿון הימל
אויף אומזיכערן באָדן,
ווערט אַ זוימען,
אַ בלום,
אַ טרער,
פֿאַרוואַנדלט האָפֿענונג
אין אומעט,
אומעט
אין האָפֿענונג,
הייבט זיך אויף
ווי אַ פֿויגל
אָדער ווי אַ תּפֿילה
און קערט זיך צוריק
אין הימל
ווי אַ ליד.

שטערנקינד,
פֿאַרפֿלייצט
פֿון טרערן,
פֿאַרוואַנדלט
פֿונעם שטערנגליק
פֿון דער נאַכט.

# — גאַנץ אומגעריכט —

געשטאָכן האָט מיך
מײַן מוזע,
גאַנץ אומגעריכט,
ווי אַ בין,
מיט אַ שטאָך, אַ זיסן,
מיט זינגענדיקע טענער,
און געזאָגט האָט זי
צו מיר אַזוי:

איז, וואָס איז דער חידוש?
איך בין דײַן מוזע.
קום און שפּיל זיך מיט מיר,
און דו וועסט קענען
באַשאַפֿן וועלטן
פֿון ווערטער און פֿון קלאַנגען,
פֿון קאָלירן און געזאַנגען,
אַ גאַנצע סימפֿאָניע
פֿון סאַמע גרונט
פֿון דײַן נשמה.

כ׳האָב צום האַרצן
די געטוליעט,
און ס׳האָט אַ טיאָכקע געטאָן
פֿון ווייטיק
און פֿון גליק.

באַשאַפֿן האָב איך
ניט קיין וועלטן
און ניט קיין סימפֿאָניעס,
נאָר פֿון די אותיות
און טענער און קאָלירן
פֿון אָט דעם באַגעגעניש
אַ קליין,
באַשיידן ליד.